ב"ה

אונזער היילינגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת כי תצא / גליון מ"ד

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## הכנה למצוה מצוה

מיר שטייען אצינד און געהויבענע טעג ווען מיר גרייטן זיך אריינצוגיין אין די הייליגע ימי הרחמים והסליחות. וואס א טאג עס גייט פארביי האלטן מיר נענטער און נענטער צום גרויס׳ן און הייליג׳ן יו״ט פון ראש השנה.

האט מען און אלע כתות פונעם תלמוד תורה אנגעהויבן די וואך זיך צו גרייטן צום גרויס׳ן און הייליג׳ן יו״ט מיט׳ן מאכן די ריכטיגע הכנות צו מקבל זיין די הייליגע יו״ט.

די חשובע מלמדים וועלן מיט׳ן אייבערשטן׳ס הילף ווי און די פארגאנגענע יארן זיכער מאכן אז די קינדער קומען אן גרייט צום יו״ט מיט אלע פירושים ווי עס פאסט פאר קינדער פון די טאהש׳ע חדר. און ווי יעדער פארשטייט אז לויט וואס מען איז זיך קונה אין די יונגע יארן דאס האט מען אויף די עלטערע יארן.

זאל דער אייבערשטער העלפן ווי די כלל איז אז וואס מען נעמט זיך מיט דאס האט מען. אז די לעכטיגע קינדערלעך זאלן מאכ׳ן די ריכטיגע הכנות צום הייליג׳ן יו״ט און זוכה זיין זצו מקבל זיין אלע השפעות טובות וואס קומען אראפ און זיך אויסבעטען א גוט געבענטשט יאר און אלעם גוט׳ן.

## פרשת כי תצא הערליך אויסגעשפילט און די קינדערגארטן קלאס בקרב מוסדותיו הק׳

ווי און די פארגאנגענע וואך האט מען אויך די וואך אויסגעשפילט די פרשה און די קינדערגארטן קלאס. ווען די געטרייע מלמד הרב שמואל פישער שליט״א האט אויסגעשפילט פאר די קינדער לעבעדיג די פרשה אז זיי זאלן דאס ארויסהאבן קלאר ווי עס דארף צו זיין.

אבער די וואך ווען מען לערנט און די פרשה די אלע מצות האט די חשובע מלמד געלייגט א ספעציעלע דגוש אז די לעכטיגע קינדער זאלן ארויס האבן יעדע מצוה מיט א קלארקייט. די מלמד האט אויסגעשפילט מצות מעקה ווען ער האט געוויזן פאר די לעכטיגע קינדער די געוט אויפ׳ן גאס. דערנאך האט די מלמד פארלוירן זיין בערזיל און אלע קינדער האבן עס אויפגעזוכט און געטראפן און מיט דעם מקיים געווען דעם מצוה פון השבת אבידה. דערנאך האבן אלע קינדער ארויף געלייגט זייערע בעג׳ס אויפן אייזל און ווען די אייזל איז אראפגעפאלן האבן זיי מקיים געווען דעם עזוב תעזוב עמו.

## גאר לעכטיגע טעג איז פאריבער די וואך און די נורסערי קלאס בקרב מוסדותינו הק׳

און די נורסערי קלאס איז די וואך אריבער גאר לעכטיגע און דערהויבן ווען די חשובע מלמד הרב אפרים יואל פיש שליט״א נכד רביה״ק זי״ע האט ווי אלע וואכן פארציילט פאר די לעכטיגע קינדערלעך די פרשה. וואס די קינדערלעך האבן זיך שיין צוגעהערט און געשלינגען מיט דארשט יעדעווארט.

מען מוז ארויס ברענגען אז ווען די מלמד האט פארציילט פאר די קינדער די פרשה האט ער געוויס אויסגעשמועסט איבער די מצות וואס מיר געפינען און די פרשה די וואך ווען די מלמד האט גערעדט פון די מצוה פון עזוב תעזוב אז יעדע איד האט א מצוה ארויס צוהעלפן א צווייט׳ן ווען יענער מוטשעט זיך מיט עפעס.

עס איז געווען א מחזה הוד צו צוקוקן ווי די לעכטיגע קינדערלעך נאך וואס די מלמד האט גערעדט פון די נושא פון ארויסהעלפן א חבר האבן זיי ברצונם הטוב אן וואס מען זאל זיי אפילו עפעסזאגן דערוועגן אנגעהויבן צו מער ארויסהעלפן איינער דעם צווייט׳ן.

ווי אויך דארף מען וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר׳ן חשובע געטרייע מלמד הרב אפרים יואל שליט״א לכבוד די אפשערן פון זיין לעכטיגע זוהן הילד החשוב ישעי׳ ני״ו השי״ת זאל העלפן ער זאל ווייטער זעהן אסאך תענוג ונחת פון דעם קינד און אלע אנדערע קינדער געזונטערהייט

## ובשירי דוד עבדך נהללך

און די כתה א׳ קלאס גייט און די יעצטיגע טעג ארום א שטארקע ווינט צווישן די לעכטיגע קינדערלעך צו זעהן ווער עס קען זאגן די מערסטע תהילים אינדערהיים. ווען די קינדער האבן א ספעציעלע טאוול און חדר ווי יעדער קלעבט ארויף א סטיקער ווען ער זאגט נאך א קאפיטל אינדערהיים וואס דאס געבט שטארק צו צו די קנאת סופרים תרבה חכמה.

דאס איז חוץ פון די תהילים וואס מען זאגט יעד׳ן טאג און חדר מיט גרויס ווארעמ׳קייט ווי עס פאסט פאר קינדער וואס האבן די זכי׳ צו לערנען אונא טאהש׳ע חדר וואס כידוע וויפיל רבינו הקדוש האט געריסן פון זיך שטיקער און געזאגט די הייליגע תהילים. אט אויף די הייליגע דרך גייען די לעכטיגע קינדערלעך און ניצן אויס יעדע איבריגע מינוט און זייער טאג מיט׳ן תהילים זאגן.

און פארשטייט זיך און איינוועג׳ס העלפט דאס מורא׳דיג צו, צו קענען די עברי ישר והפך וואס דאס איז די עבודה פון די לעכטיגע קינדער פון כתה א׳ צו קענען ריכטיג לערנען די הייליגע תורה. האט די מלמד געבעטן אויב מען קען קוקן וויאזוי די לעכטיגע קינדערלעך קענען די עברי און זיי אביסל ארויסהעלפן מיט די תהילים זאגן כדי זיי זאלן ריכטיג קענען שטייגן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

אז מען רעדט פון כתה א׳ איז נישט מעגליך ארויסצולאזן דאס זאך וואס די חשובע מלמד לייגט אריין און די לעכטיגע קינדער זיי צו אויסלערנען יעדע וואך א אידישע ניגון מיט אידישע ווערטער וואס די קינדער חזר׳ן און חדר דורך אויס די וואך און קענען עס שבת ביי די סעודה פארזונגען פאר די חשובע עלטערן שיחיו. די מלמד האט אויסגעלערנט פאר די לעכטיגע קינדער א אידישע ניגון אויף די דרייצ׳ן אני מאמין׳ס וואס די קינדער האבן זיך עס אויסגעלערנט און עס געקענט שיין אראפ זינגען ווי עס פאסט אזוי גייט אן יעדע וואך. אדרבה חשובע עלטערן פראבירט עס אויס און שעפט נחת צו זעהן ווי אזוי אייער זוהן זינגט אראפ אזוי הערליך א הייליגע אידישע ניגון.

ווי אויך האבן די לעכטיגע קינדער די וואך געלערנט אלע מצות וואס שטייט און די תורה די וואך. ווען מען האט געלערנט פון די מצוה פון שליח הקן אט די חשובע מלמד געברענגט פאר די קינדער עכטע אייער פון א שליח הקן וואס די מלמד האט געהאט די זכי׳ צו מאכן.
דאס איז נאר א חלק פון די זאכ׳ן וואס איז פארגעקומען די וואך און כתה א׳. דיו אלו ימי וואלט מען עס נישט געקענט באשרייבן.

## לעכטיגע טעג פאריבער אויף די לעכטיגע תלמידים פון כתה ב׳

די לעכטיגע קינדער פון כתה ב׳ האבן די וואך זוכה געווען צו א גאר דערהויבענע וואך ווען מען האט פלייסיג געלערנט די הייליגע חומש ווי עס דארף צו זיין.

ווי אויך האט מען געזאגט די הייליגע תהילים און פאר׳ן זאגן תהילים האבן זיי מזכיר געווען די נעמען פון די נדבנים ווי איינגעפירט אז יעד׳ן טאג זענען די קינדער מזכיר די נעמען פון די נדבנים וואס זענען מנדב א פרנס היום אונעם תלמוד תורה.

ווי אויך האבן די לעכטיגע קינדערלעך די וואך שיין פארברענגט איינער מיט׳ן צווייט׳ן און זיך פארגינען איינער מיט׳ן צווייט׳ן.

ווי אויך מאכן די לעכטיגע קינדער און די יעצטיגע טעג די ריכטיגע הכנה צום נייעם יאר ווען מען גרייט זיך בשעה טובה אריין צו גיין און כתה ג׳. ווען די לעכטיגע קינדער ניצן אצינד אויס יעדע מינוט און תורה צו זיין גרייט צום גרויס׳ן מאמענט ווען מען גייט בשעה טובה אריין גיין און כתה ג׳

**השי״ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן ווי די לעכטיגע קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים**

**צו מנדב זיין די גליון ביטע זיך פארבינדן מיטן שליח המוסדות**
**אויף טעלעפאון נומבער 845) 662 8093**

# ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו

**הרה"ח משולם איסר ברצ"א קרויס הי"ו**

מחשובי הורי מסודותינו הקדושים

**לרגל שמחת הולדת נכדו למז"ט**

אן עקסטערע מזל טוב

**פאר הילד החשוב כמר אהרן נ"י – כתה ב'**

**צו זיין נייע נעפיו**

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו איש האשכולות מלמד מומחה בקרב מוסדותינו הק' נזר המוסדות מסור בלב ובנפש בעד תלמידיו ה"ה

**הרב אפרים יואל פיש שליט"א**

נכד רביה"ק זי"ע

מחשובי הורי מסודותינו הקדושים

נורסערי מלמד במוסדותנו הק'

**לרגל שמחת תגלחת בנו למז"ט**

אן עקסטערע מזל טוב

**פאר הילד החשוב כמר ישעי' נ"י – נורסערי**

**צו זיין אפשערן**

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו

**הרב צבי נחמן ראטטענבערג שליט"א**

מחשובי הורי מסודותינו הקדושים

**לרגל שמחת תגלחת בנו למז"ט**

אן עקסטערע מזל טוב

**פאר הילד החשוב כמר אהרן מרדכי נ"י – נורסערי**

**צו זיין אפשערן**

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו האברך החשוב

**מו"ה יחזקאל יוסף בראדי הי"ו**

שותף מלא במוסדותינו הק'

**לרגל שמחת הולדת בנו בכורו למז"ט**

מזל טוב מיוחדת לכבוד אביו החשוב

ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו בכל עת העסקן הדגול

**הרה"ח יצחק שלמה בראדי הי"ו**

רוח החיים דקהילתינו הק'

**לרגל שמחת הולדת נכדו למז"ט**

לכבוד ידידינו עוז העומד תמיד לימינינו האברך החשוב

**מו"ה דוד פרושינובסקי הי"ו**

שותף מלא במוסדותינו הק'

**לרגל שמחת הולדת בנו בכורו למז"ט**

**מודעה מטעם המערכת**

**אויב איהר ווילט איר באקומען אייך אימעיל דעם מוסדות בלעטל דאן שיקט אן אימעיל צו**

Toshmonsey8674@gmail.com

**א גוט שבת**

**וואונטש**

**הנהלת המוסדות**

# א בילד רעדט מער ווי טויזענט ווערטער




השבת אבידה



שליח הקן



מצות מעקה




עזוב תעזוב





א בליק אינעם פארעם בחצר המוסדות

מזלא טבא גדיא יאה

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

## יתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות

ברגשי גיל וחדוה, ובאותות אהבה וחיבה, משגרים אנו את ברכותינו החמות והלבביות, למעלת כבוד ידידינו עוז, היקר והחשוב הנכבד והנעלה, מוכתר בכל מדה ומעלה, צנתרא דדהבא, מרגניתא טבא, משליך נפשו מנגד לטובת מוסדותינו הקדושים, יקר רוח נדובה ורב תבונות, איש האשכולות, נוח לשמים ולבריות, שמו הטוב משבחים ומפארים, בהילולים ותוארים, כש"ת ה"ה

ידידינו עוז הרבני הנגיד הנכבד והמפואר

הרה"ח

# אליעזר ברוך פריעד

הי"ו

מגדולי תומכי מוסדותינו הק'

לרגל שמחתו הגדולה

בהולדת נכדתו למז"ט

אצל חתנו כבנו מו"ה נחמן צבי איינהארן הי"ו

**ובהאי שעתא שפתינו לא נכלא רב תודה על נדבותיו הטוב**
**ברוח נדובה לטובת מוסדותינו הקדושים המתנוסס לתפארה**

ואנו תפלה לנורא עלילה, הרחמן הוא יברך אותו שיזכו לרוות מכל יוצ"ח מלא חפנים נחת, ולראות בנים ובני בנים נטעי נאמנים, והי' כעץ שתיל על פלגי מים, וכל אשר יעשה יצליח, וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה, להתברך בברכה משולשת בתורה, עדי יעמוד הכהן לאורים, בביאת משיח הולך תמים בעגלא ובזמן קריב אמן,

*המברכים מתוך אהבה וחיבה: הנהלת המוסדות*

# הרתודה והברכה

## הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

ידידינו היקר העומד תמיד לימינינו האברך החשוב

## מו"ה יחזקאל יוסף בראדי הי"ו

שותף מלא במוסדותינו הק'

## לרגל שמחת הולדת בנו בכורו למזל טוב

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה